# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:29
מוצאי שב"ק.....................6:59

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..................שופטים י"ז-י"ח
בבלי.................ראש השנה כ"ח
ירושלמי.....................גיטין כ"ו
תוספתא.......................גיטין ד'
רמב"ם.....מעשה הקרבנות י"א


פרשת תולדות, ב' כסלו, שנת תשפ"ב לפ"ק

שנה 11, גליון 10 (525)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק. וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם וָואס דֶער פָּסוּק הוֹיבְּט אָן אַז יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען דֶער זוּן פוּן אַבְרָהָם, אוּן עֶנְדִיגְט צוּ אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם יִצְחָק?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ"ג), **אַז וֶוער סְ'הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער הָאט אַ גוּט לֶעבְּן, עֶס גֵייט אִים אֵייבִּיג גוּט, סַיי וִוי אַזוֹי זַיין לֶעבְּן פִירְט זִיךְ בְּלַייבְּט עֶר אַלְץ נָאר פְרֵיילִיךְ, וַוייל אוֹיבּ גֵייט אִים דָאס לֶעבְּן וִוי עֶר וִויל, אִיז דָאךְ זִיכֶער גוּט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, אִיז אִים אוֹיךְ גוּט, וַוייל עֶר אִיז זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן וֶועט אִים הֶעלְפְן, וַוייל אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאךְ זִיכֶער אַלֶעס נָאר פַאר זַיין טוֹבָה; אֵיינֶער וָואס הָאט אָבֶּער נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, הָאט עֶר מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, עֶר אִיז אַלְץ טְרוֹיעֶרִיג אוּן נִישְׁט צוּפְרִידְן, וַוייל וִוי נָאר עֶס קוּמְט אִים אַמָאל אוּנְטֶער עֶפֶּעס אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, פַארְלִירְט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְצְן אַפֶּעטִיט צוּם לֶעבְּן, עֶר הָאט נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיוּת אוּן גוּטְס אִין זַיין לֶעבְּן, וַוייל עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער מִיט אֱמוּנָה אִיז דָאךְ אַזוֹי גוּט אוּן לִיכְטִיג פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֶעמָאל.**

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד דֶער עִיקָר אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף זַיין אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סְ'אִיז זִיכֶער פַאר זַיין טוֹבָה; מְ'דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען שִׂמְחַת הַחַיִּים אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן סְ'וֶועט אִים אַלְץ זַיין גוּט אוּן פֵיין.

דֶערְפַאר פְרֵייעֶן מִיר זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ; חֲזַ"ל זָאגְן (סִפְרֵי, בְּהַעֲלוֹתְךָ) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר י', י') **וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם - אֵלּוּ שַׁבָּתוֹת.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י"ז) אַז מְ'דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. וַוייל שַׁבָּת אִיז דָאךְ דֶער שׁוֹרֶשׁ פוּן אֱמוּנָה, מִיט דֶעם וָואס מִיר הִיטְן שַׁבָּת וַוייזְן מִיר דָאךְ אַז מִיר גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אִין זֶעקְס טֶעג אוּן עֶר הָאט גֶערוּעֶט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ; אוּן וִוי נָאר סְ'אִיז דָא אֱמוּנָה, אִיז שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ דָא שִׂמְחָה.

**דִי בֵּיידֶע זַאכְן גֵייעֶן גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדֶען, וֶוען אַ אִיד הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיז עֶר אַלְץ פְרֵיילִיךְ; אוּן דִי זֶעלְבֶּע אַרְבֶּעט עֶס אוֹיךְ אוֹיף פַארְקֶערְט, וִוי מֶער אַ אִיד אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ וַואקְסְט בַּיי אִים מֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער זַיין אֱמוּנָה.**

אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער רֹאשׁ לְמַאֲמִינִים, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי רַשִׁ"י זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כ"ד, ז') אַז אֵיידֶער אַבְרָהָם אִיז גֶעקוּמֶען, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוֶוען דֶער "אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם", דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן הִימְל, אָבֶּער וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר גֶעוָוארְן דֶער "אֱלֹקֵי הָאָרֶץ", אוֹיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט מֶען שׁוֹין גֶעוואוּסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יִצְחָק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מִדָּה פוּן שִׂמְחָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כ"א, ו') **צְחֹק עָשָׂה לִי אֱלֹקִים, כָּל הַשֹּׁמֵעַ יִצְחַק לִי.**

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק, וָואס זֶענֶען דִי קִינְדֶער - דִי רֶעזוּלְטַאטְן - פוּן יִצְחָק, פוּן דִי מִדָּה פוּן שִׂמְחָה, וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ? **בֶּן אַבְרָהָם**, אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ "בֶּן אֱמוּנָה", וַוייל דוּרְךְ שִׂמְחָה קוּמְט מֶען צוּ צוּ אַ רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה; אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ פַארְקֶערְט, **אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק**, דִי אֱמוּנָה וָואס אַ אִיד הָאט, דָאס מַאכְט עֶר זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, ווִיסְן אוּן גְלוֹיבְּן אַז גָארְנִישְׁט אִיז נִישְׁט קַיין צוּפַאל, יֶעדֶע זַאךְ מַאכְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, דַאן וֶועט אוּנְז אַלְץ גֵיין גוּט, אוּן מִיר וֶועלְן אֵייבִּיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג. (תּוֹךְ הַנַּחַל תּוֹלְדוֹת תשע"א)

## מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### קֶענְסְט נִישְׁט אַלֵיין

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל צוּ מוֹהַרָא"ש מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא אוֹיפְ'ן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י') אַז עֶס זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע בַּעֲלֵי גַאֲוָה וָואס זֵיי ווִילְן נִישְׁט גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, זֵיי טַעֲנָה'ן אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס אַז דֶער צַדִּיק זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר זֵיי, זֵיי הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס אַז זֵיי קֶענֶען אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאט דֶער אִיד גֶעפְרֶעגְט פוּן מוֹהַרָא"ש אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט דֶער פְּשַׁט אִין דֶעם, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דָאךְ טַאקֶע אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז יֶעדֶער אִיד קֶען אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם, אַז מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן זַיין הִילְף, פַארְוָואס רוּפְט דֶער רֶבִּי אָן אַ "בַּעַל גַאֲוָה" אֵיינֶעם וָואס זָאגְט אַז עֶר קֶען אַלֵיין מִתְפַּלֵּל זַיין?

מוֹהַרָא"ש הָאט אוֹיף דֶעם גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער תֵּירוּץ אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט. עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת אַז יֶעדֶער אִיד קֶען אוּן דַארְף אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוֹיבּ אָבֶּער גֵייט מֶען נִישְׁט צוּ אַ צַדִּיק, וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין לַאנְגֶע צַייט בִּיז מֶען וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶערֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים. אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ טַאקֶע שְׁטַארְקְן אוּן בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען עֶס וֶועט אָבֶּער אַרִיבֶּערְגֵיין אַ שְׁטִיק צַייט וֶועט עֶר פַארְלִירְן דֶעם אַפֶּעטִיט, אוּן עֶר וֶועט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם. אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, צוּ בַּאקוּמֶען דִי הִתְחַזְּקוּת אוּן שְׁטַארְקֵייט אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן נָאר שְׁטֶענְדִיג זָאל מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

דֶער צַדִּיק הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אֵיין שְׁטִיק תְּפִלָּה, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (תְּהִלִּים קט, ד) "וַאֲנִי תְפִלָּה". דֶער צַדִּיק הָאט שׁוֹין פַארְבְּרֶענְגְט אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן וִוי זַיין

<<<<<<

## א גוט ווארט

זֶע אַז דַיין קָאפּ זָאל זַיין אִין גוּטֶע זַאכְן. דָאס הֵייסְט, אֲפִילוּ דוּ דַארְפְסְט זַיין פַארְנוּמֶען צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, זָאל דִיר דַיין קָאפּ זַיין אִין תַּכְלִית. אָדֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אָדֶער עוֹסֵק זַיין אִינְמִיטְן אַרְבֶּעט מִיט הֲפָצָה; וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט אֵיינֶעם גֶעבּ יֶענֶעם אַ סֵפֶר וְכַדּוֹמֶה, אָדֶער בֶּענְק צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; וַוארְט צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

עֶס קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעאַרְבֶּעט כָּל יָמָיו אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַרוֹיף אִין הִימְל זֶעט מֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶונְט, וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט, גֶעבֶּענְקְט אוּן גֶעגְלוּסְט צוּ דֶעם; אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ לְךָ תשפ"ב)



דעם מוצאי שב"ק רוקט מען צוריק דעם זייגער מיט א שעה

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# מְ׳דַארְף זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶעזָאגְט מֶערֶערֶע מָאל, אוֹיבּ אִיז דָא זַאכְן וָואס שְׁטֶערְט אַייךְ פוּן אֵייעֶר מַאן - דַארְפְט אִיר דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים. מַאן אוּן וַוייבּ זֶענֶען שׁוּתְּפִים אִין לֶעבְּן; בַּיי שׁוּתְּפוּת דַארְף מֶען זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן.

עֶס זֶענֶען דָא וָואס הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק פוּן רֶעדְן אוּן זַיין אָפְן וֶוען עֶפֶּעס בַּאדֶערְט מִיט דִי טַעֲנָה אַז נָאכְן רֶעדְן וֶוערְט צֶעשְׁטֶערְט דִי רוּאִיגְקֵייט, מֶען וֶוערְט אַבִּיסְל אַנְטוֹישְׁט אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן; דָאס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, וַוייל אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען הָאט אַן אִינְפֶעקְשָׁאן גֵייט מֶען צוּם דָאקְטֶער, דֶער דָאקְטֶער פְּלַאצְט אוֹיף דֶעם וואוּנְד, עֶס רִינְט אַרוֹיס דִי אֵייטֶער אוּן בְּלוּט; עֶס זֶעט אוֹיס שְׁרֶעקֶעדִיג, עֶס אִיז נִישְׁט בַּא׳טַעַמְ׳ט - אָבֶּער דָאס אִיז דִי רְפוּאָה, אַז דִי אֵייטֶער אוּן שְׁמוּץ זָאל אַרוֹיסְגֵיין. וֶועט אֵיינֶער זָאגְן: ״אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּם דָאקְטֶער, אִיךְ וִויל נִישְׁט זֶען דִי אֵייטֶער אוּן בְּלוּט״? וֶועט אֵיינֶער טְרַאכְטְן נִישְׁט אוֹיפְצוּעֶפֶענֶען דִי וואוּנְד וַוייל עֶס טוּט וֵויי? מֶען קֶען דָאךְ אִינְגַאנְצְן פַארְ׳סַמְ׳ט וֶוערְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ! אַזוֹי אִיז בַּיי מַאן אוּן וַוייבּ, מֶען מוּז עֶפֶענֶען דֶעם וואוּנְד, אֲפִילוּ עֶס טוּט וֵויי.

אַז מֶען הָאט זַאכְן צוּ שְׁמוּעֶסְן דַארְף מֶען דָאס דוּרְכְרֶעדְן אוּן אַז מֶען רֶעדְט עֶס דוּרְךְ אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, מֶען זָאגְט פַארְ׳ן מַאן: ״דָאס טוּט מִיר וֵויי, דָאס שְׁטֶערְט מִיר״, אוּן דֶער מַאן עֶנְטְפֶערְט: ״מִיר טוּט וֵויי עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ״, - וֵוייסְט מֶען וִוי אַזוֹי אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן, אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט, מֶען עֶסְט זִיךְ אוֹיף פוּן אִינֶעוֵוייניג - אִיז נִישְׁט גוּט, דִי גַאנְצֶע לִיבְּשַׁאפְט גֵייט אַוֶועק.

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע כְּלַל אִין שָׁלוֹם בַּיִת; אַז דֶער מַאן הָאט אַ פַארְקֶערְטֶע נַאטוּר פוּן דִי וַוייבּ אוּן דָאס שְׁטֶערְט פַאר דִי וַוייבּ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז דֶער מַאן אִיז אַ שְׁטַייטֶער אוּן דִי פְרוֹי אִיז מֶער שְׁנֶעל, מֶער שַׁארְף, אוּן זִי וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן זַיין שְׁטַייטְקֵייט - אִיז דָאס אִיר פְּרָאבְּלֶעם, נִישְׁט זַיין פְּרָאבְּלֶעם; דִי פְרוֹי הָאט צְוֵויי בְּרֵירוֹת, אָדֶער זִיךְ אוֹיפְעֶסְן אוּן חוֹזֶק מַאכְן צוּ אִירֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער אָדֶער חַבְרְ׳טֶעס פוּן אִיר מַאן אוּן לֶעבְּן יֶענֶע סָארְט לֶעבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, אָדֶער זִיךְ אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַנֶערְקֶענֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט אוּן נִישְׁט אַלֶעס מוּז זַיין וִוי אִיךְ וִויל; זוּכְן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַייטֶע מֶענְטְשׁ.

אָדֶער צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דֶער מַאן אִיז אַ נִישְׁט מְסוּדָר׳דִיגֶער אוּן דִי וַוייבּ אִיז אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע - אִיז דָאס נִישְׁט זַיין פְּרָאבְּלֶעם; זִי הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, זִי מֵיינְט אַז אַלֶע מֶענְטְשְׁן דַארְפְן זַיין לוֹיט אִיר פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט, לוֹיט אִיר רֵיינְקֵייט וְכוּ׳. אַנְשְׁטָאט וֵויינֶען אוֹיפְ׳ן מַאן - זָאל זִי וֵויינֶען אוֹיף אִיר צָרָה, זִי זָאל אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי וֶועג וָואס זִי לֶעבְּט אַז אַלֶע דַארְפְן זַיין אַזוֹי וִוי אִיר.

אָבֶּער אַז מֶען וֶוערְט וֵויי גֶעטוּן אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן - דָאס מוּז וֶוערְן דוּרְכְגֶערֶעדְט, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם הָאבְּן אַ פַּחַד אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן - דָאס טָאר נִישְׁט זַיין; וֶוען מֶען רֶעכְנְט זִיךְ נִישְׁט מִיטְ׳ן צְוֵוייטְנְ׳ס גֶעפִילְן, מֶען מַאכְט יֶענֶעם אַוֶועק, מֶען טוּט וֵויי יֶענֶעם - דַארְף מֶען זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִים יֶעדְן טָאג אוּן פְלֶעכְטְס אַרַיין צְוִוישְׁן דִי פְּסוּקִים אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער, זָאגְט אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דְרוּקְט אַייךְ אוֹיפְ׳ן הַארְץ - וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשפ״ב)

>>>>>>

נַאטוּר, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר דִי כּוֹחוֹת זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן שְׁוֶוערְן מַצָּב, אוּן עֶר קֶען אוֹיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְלָאזְן פוּן תְּפִלָּה.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (בְּרָכוֹת י.) אַז יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא אִיז גֶעקוּמֶען מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען קְרַאנְק אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט נְבִיאוֹת אַז עֶר זָאל לָאזְן צַוָואָה וַוייל עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן פוּן דִי קְרֶענְק. חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן, נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ׳ן נָבִיא: ״עֶנְדִיגְט צוּ דַיין נְבִיאוֹת אוּן גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא. אִיךְ הָאבּ מְקוּבָּל פוּן מַיין זֵיידְן דָוִד הַמֶּלֶךְ אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס לִיגְט שׁוֹין אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד אוֹיפְ׳ן הַאלְז פוּן אַ מֶענְטְשׁ, זָאל עֶר זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, נָאר עֶר זָאל וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״. אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם וַואנְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן.

טַאקֶע דֶערְפַאר וַוייל חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיט דִי לִימוּדִים אוּן עֵצוֹת פוּן זַיין זֵיידְן דָוִד הַמֶּלֶךְ, הָאט דָאס אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקַייט נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן. אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַ נְבוּאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן, הָאט עֶר נָאכְאַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער כֹּחַ קֶען מֶען נָאר בַּאקוּמֶען וֶוען מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ דִי עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִּיק.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן אוֹיבֶּער-חָכָם אוּן עֶר קְלֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דִי עֵצוֹת פוּן צַדִּיק, אִיז דָאס זֵייעֶר נַארִישׁ, עֶר וֶועט אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָנְקוּמֶען, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט.

מוֹהַרָא״שׁ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַ מָשָׁל אַז אַ סוֹחֵר אִיז אַמָאל גֶעפָארְן פַאר גֶעשֶׁעפְטְן צוּ אַ וַוייטֶע לַאנְד, דֶער לַאנְד אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֶעמְד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם פְּלַאץ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר נִיטְאַמָאל גֶעקֶענְט דִי שְׁפְּרַאךְ. עֶר דְרֵייט זִיךְ דָארְט אַרוּם אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן צוּ פִירְן דָארְט גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן פְּלוּצְלִינְג טְרֶעפְט עֶר אַ הֵיימִישְׁן מֶענְטְשׁ וָואס קֶען זַיין שְׁפְּרַאךְ אוּן עֶר קֶען זִיךְ אוֹיךְ אוֹיס אִין יֶענֶע לַאנְד, אוּן יֶענֶער הוֹיבְּט אִים אָן אוֹיסְצוּלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט זִיךְ אוּם אִין יֶענֶע לַאנְד, עֶר וַוייזְט אִים צוּ וואוּ מֶען קֶען גֵיין עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן, וואוּ מֶען קֶען פִירְן גוּטֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן זִיךְ אַיינְהַאנְדְלֶען פֵיינֶע סְחוֹרָה פַאר בִּילִיג, אוּן וואוּ מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין הַאנְדְלֶען וַוייל דָארְט וֶועט מֶען וֶוערְן גוּט אָפְּגֶענַארְט.

דֶער סוֹחֵר דַארְף דָאךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם וָואס הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס אוּן וַוייזְט אִים דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אוּן שְׁפָּארְט אִים אַיין אַזוֹיפִיל אַרְבֶּעט. אוֹיבּ אָבֶּער הָאט דֶער סוֹחֵר נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶועט עֶר זַיין אַן אוֹיבֶּער-חָכָם, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ יֶענֶעם, אוּן דַאן אִיז זֵייעֶר מֶעגְלִיךְ אַז עֶר וֶועט זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּרְכְפַאלְן אִין זַיין מִיסִיעֶ.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד וָואס קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט דָא צוּ טוּן, וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ דָא אַן עֵצָה? וָואס אִיז יָא גוּט צוּ טוּן אוּן וָואס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ טוּן? אוּן עֶס קוּמְט אַ צַדִּיק וָואס גֶעבְּט אִים גוּטֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי דוּרְכְצוּגֵיין דֶעם לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיפְ׳ן שֶׁענְסְטְן אוֹפָן, אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, עֶר זָאל הָאבְּן אַ זִיסֶע גוּטֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אוֹיךְ נָאכְדֶעם זָאל עֶר אָנְקוּמֶען וואוּ עֶרדַארְף אָנְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דַארְף דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ זַיין אַ גְרוֹיסֶער טִיפֵּשׁ אוֹיבּ עֶר וִויל זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן אוּן פָאלְגְן דֶעם צַדִּיק.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי״ע הָאט אַמָאל אַרַיינְגֶערוּפְן זַיין אֵיינִיקְל דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זי״ע, וָואס הָאט גֶעהַאלְטְן גְלַייךְ נָאךְ זַיין חֲתוּנָה, אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט דִי גֶעלְט וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אוֹיף נַדְן. דֶער אֵיינִיקְל הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט עֶס אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט בַּיי אַ גֶעוִויסְן עוֹשֶׁר אִין וִויטֶעבְּסְק אַז יֶענֶער זָאל מַאכְן דֶערְמִיט גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן דֶער עוֹשֶׁר וֶועט אִים אַרָאפְּגֶעבְּן פְּרָאצֶענְטְן פוּן דִי פַארְדִינְסְטְן. דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״גֵיי נֶעם צוּרִיק דָאס גֶעלְט אוּן לֵייג עֶס אַרַיין אִין דִי פּוּשְׁקֶע״ אוּן עֶר הָאט אִים גֶעוִויזְן אוֹיף דִי ״רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס״ פּוּשְׁקֶע וָואס אִיז גֶעלִיגְן אוֹיפְ׳ן טִישׁ...

דֶער אֵיינִיקְל הָאט גֶעקְלֶערְט אַז דֶער זֵיידֶע וִויל אַוֶועקְגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר צְדָקָה, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּ פָאלְגְן, אוּן עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנֶען וַוייטֶער אוֹיף זַיין וֶועג.

עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן דִי וַוייבּ פוּנֶעם צֶמַח צֶדֶק אִיז גֶעקוּמֶען פוּן וִויטֶעבְּסְק אוּן גֶעוֵויינְט פַאר אִיר מַאן אוּן פַארְ׳ן זֵיידְן אַז דֶער עוֹשֶׁר פוּן וִויטֶעבְּסְק הָאט אָנְגֶעזֶעצְט, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען בַּאנְקְרָאט, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט.

דַאן הָאט דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זֵיי גֶעזָאגְט: ״וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אֲפִילוּ מַיינֶע קִינְדֶער ווִילְן מִיר נִישְׁט פָאלְגְן? וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בַּיי מַיין רֶבִּי׳ן, דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ, הָאבְּן מִיר אִים גֶעפָאלְגְט אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן אַרוֹיסְפָארְן אִין וֶועג אָן קַיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין פְּרַאגֶעס, נָאר מִיר הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין וֶועג״.

אוּן עֶר הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה. אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד גֶעהֵייסְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלָאזְן אִין וֶועג, אוּן עֶר הָאט

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וְוי אַזוֹי זָאג אִיךְ אָפּ אַן אַרְבֵּייטֶער?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶענוּמֶען אַ גֶעלוּנְגֶענֶער אִינְגֶערְמַאן צוּ אַרְבֶּעטְן בַּיי מִיר אִין אָפִיס, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה טוּט עֶר נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט וְוי ס'דַארְף צוּ זַיין. נָאכְ'ן רֶעדְן צוּ אִים אַפָּאר מָאל שֵׁיינֶערְהֵייט הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעפִינֶען אַז דִי סִיבָּה אִיז וַוייל בַּיי זַיין פְרִיעֶרְדִיגֶע אַרְבֶּעט הָאט מֶען אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶענוּצְט אוּן יֶעצְט אִיז אִים שׁוֹין שְׁוֶוער אוֹיסְצוּפִירְן זַיין אַרְבֶּעט נָארְמַאל.

יֶעצְט זֶע אִיךְ זִיךְ מִיט אַ טֵייעֶרֶער אַרְבֶּעטֶער, אִיךְ צָאל אִים אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶּער עֶר טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג זַיין אַרְבֶּעט, אָבֶּער אִיךְ וְויל אִים נִישְׁט אַוֶועקְשִׁיקְן וַוייל אִיךְ וְויל נִישְׁט וֵויי טוּן אַ אִיד, וְוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַ עֵצָה?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז עֶר טוּט נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ אִים שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן עֶר זָאל זִיךְ זוּכְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

דָאס הֵייסְט נִישְׁט וֵויי טוּן; אַז דוּ וֶועסְט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים, דוּ וֶועסְט אִים מְבַזֶה זַיין - דָאס טָאר מֶען נִישְׁט. אַוֶועק שִׁיקְן אִיז נִישְׁט וֵויי טוּן; אַז עֶר טוּט נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט - זָאל עֶר זִיךְ זוּכְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס צוּ טוּן.

רֶעד צוּ אִים שֵׁיין אוּן קְלָאר, זָאג אִים וָואס דוּ זֶעסְט, פְרֶעג אִים וָואס עֶר זֶעט; עֶר וְויל אוֹיךְ נִישְׁט זִיצְן בַּיי דִיר סְתַּם אוֹיף קֶעסְט, רֶעד מִיט אִים קְלָאר אוּן אָפְן.

אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אוֹיף שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, נָאר וֶוען מֶען אִיז טוֹיט קְרַאנְק אוּן דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן; מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע אַנְגֶענֶעמֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, מִיר זָאלְן זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע רֶגַע אוּן יֶעדֶע מִינוּט.

אַז דוּ דַארְפְסְט אַ גוּטֶע אַרְבֶּעטֶער - זָאלְסְטוּ דָאס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דוּ דַארְפְסְט אַוֶועק שִׁיקְן אַן אַרְבֶּעטֶער - זָאלְסְטוּ דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז דוּ וֶועסְט וִויסְן וָואס צוּ טוּן אוּן וְוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דִי זַאךְ פוּן תְּפִילָּה, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן זָאלְן מִיר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ פְרֵייליכְן יוֹם טוֹב.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרָכָה תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט וואוּ צוּ פָארְן. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קֵיין שְׁאֵלוֹת, נָאר זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט דִי פֶערְד אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דִי רַייזֶע צוּם אוּמְבַּאקַאנְטְן צִיל.

נָאכְ'ן פָארְן אַ פוּפְצִיג קִילָאמֶעטֶער הָאבְּן זִיךְ דִי פֶערְד גֶעדַארְפְט אָפְּרוּעֶן פוּנֶעם וֶועג אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ קְלֵיין דֶערְפְל אוּן אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִינֶעם אָרְטִיגְן קְרֶעטְשְׁמֶע. זֵיי הָאבְּן גֶעלָאזְט דִי פֶערְד זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אוֹיבּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַ אִיד אִינֶעם דָארְף. זֵיי הָאבְּן זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז עֶס וואוֹינְט אֵיין אִיד אִינֶעם דָארְף אוּן זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים.

דֶער אִיד הָאט זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ נָאךְ אִידְן אִין דָארְף אָדֶער אִין דִי אוּמְגֶעגְנְט. דֶער אִיד זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער אִיד אִין דִי גַאנְצֶע אוּמְגֶעגְנְט, דֶער נֶענְטְסְטֶער שׁוּל אִיז דְרַייסִיג פֶערְצִיג קִילָאמֶעטֶער וַוייט פוּנֶעם דָארְף. אָבֶּער אַזוֹי וְוי עֶר הָאט פֵיין פַּרְנָסָה אִינֶעם דָארְף אוּן עֶר אִיז דָארְט אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אַלֶע יָארְן, וְויל עֶר זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק צִיעֶן פוּן דָארְט.

דִי חֲסִידִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט מִיט תְּמִימוּת: "וְוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין אַז אַ אִיד זָאל וואוֹינֶען אַלֵיינְס אִין אַ דָארְף אוּן עֶס זָאל דוּרְכְגֵיין אַ גַאנְצֶע יָאר אָן קַיין שׁוּל, אָן קַיין קַדִישׁ, קְדוּשָּׁה, אוּן בָּרְכוּ? אָן צוּ זֶען אַ אִיד פַאר דִי אוֹיגְן?"

זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן דֶעם אִיד אוּן זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי קְרֶעטְשְׁמֶע צוּ זֶען אוֹיבּ דִי פֶערְד זֶענֶען שׁוֹין גְרֵייט צוּ פָארְן וַוייטֶער, זֵיי הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט דִי פֶערְד אוּן זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ פָארְן וַוייטֶער. וֶוען זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן זֶענֶען זֵיי נָאכְאַמָאל דוּרְכְגֶעפָארְן דֶעם אִיד'ס הוֹיז, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וְוי דֶער אִיד לָאדֶענְט אַרוֹיף זַיין גַאנְצֶע הָאבּ אוּן גוּטְס אוֹיף וֶועגֶענֶער אוּן עֶר גְרֵייט זִיךְ אַוֶועק צוּ צִיעֶן פוּן דָארְף צוּ גֵיין וואוֹינֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט צְווִישְׁן אִידְן...

דַאן הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס זֵייעֶר רֶבִּי הָאט זֵיי אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט אוֹיף דֶעם וֶועג. זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וְוי דִי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיט דֶעם אִיד הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶעטוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן.

אוּן דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט אוּן גֶעזָאגְט צוּ זַיין אֵיינִיקְל: "קוּק וְוי מִיר הָאבְּן גְלַייךְ גֶעפָאלְגְט אוּנְזֶער רֶבִּי'ן אָן צוּ פְרֶעגְן קַיין שׁוּם שְׁאֵלוֹת, אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט זוֹכֶה אַז מַיין אֵיינִיקְל זָאל מִיר פָאלְגְן"...

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס קֶען אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוֹיף דֶעם לַאנְגְן אוּן שְׁוֶוערְן וֶועג אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ פָאלְגְן דִי עֵצוֹת וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אִים אוֹיס, וֶועט אִים זַיין וואוֹיל אוּן לִיכְטִיג אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק י"א עֶרֶךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים וְחֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ צַדִיק)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קכג)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֵוייִלְט אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן אַ קִינְד, רֶבִּי נָתָן פָארְט אַהִין אוֹיף פּוּרִים.**

**תסה**

מִיטְוָואךְ, שׁוּשַׁן פּוּרִים, נָאכְ'ן דַאוֶונֶען, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט אִינְאֵיינֶעם. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, "אִיךְ וְויל זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין פַארְ'ן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט אַז דוּרְכְ'ן קְלַאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן אִיז מֶען מַמְתִּיק דִי דִינִים, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג יוֹצֵא גֶעוֶוען דָאס צוּ טוּן נֶעכְטְן אוּם פּוּרִים", הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, "שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז גָארְנִישְׁט בַּיי דִיר?! שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים!", דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אַ בְּחִינָה פוּן יְהוֹשֻׁעַ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים וַוייטֶער גֶעזָאגְט, "נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ דִיר דֶערְמַאנְט דִי תּוֹרָה "קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ", יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַ נֵייעֶ זַאךְ וָואס הָאט צוּטוּן מִיט דִי תּוֹרָה, דָאס וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כ:) "שָׁלֹשׁ מִצְוֹת נִצְטַווּ יִשְׂרָאֵל בִּכְנִיסָתָן לָאָרֶץ", דְרֵיי מִצְווֹת זֶענֶען דִי אִידְן בַּאפוֹילְן גֶעוָוארְן בַּיים אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", אָבֶּער אַזוֹי רֶעדְנְדִיג הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מֶענְטְשְׁן אַרַיינְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "מִיר וֶועלְן שׁוֹין שְׁפֶּעטֶער רֶעדְן פוּן דֶעם".

דֶער עוֹלָם הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן, מְ'הָאט גֶעטַאנְצְן דָארְט דִי גַאנְצֶע טָאג בִּיז מִנְחָה. דַאן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "פוּן יֶעצְט וֶועסְטוּ שׁוֹין וִויסְן אַז שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים", אוּן מְ'הָאט דָארְט גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה.

<<<<<<

>>>>>>

סעודות שב"ק און זינגען זמירות שב"ק, הערן דרשות התחזקות, פון וואס מען וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ארויסנעמען התחזקות און כח אנצוגיין פאר זיך פאר די בני בית און די קינדער פאר א לאנגע צייט.

מען האט אפגעדינגען דעם גאנצן האטעל מיט אלע צימערן, פון וואס פילע צענדליגע זענען שוין געווארן אויסגעכאפט אין די קורצע צייט זייט מען האט מפרסם געווען די נייעס איבער'ן געהויבענעם שבת.

אנשי שלומינו ווערן געבעטן מען זאל זיך צואיילן און נעמען א צימער, ווייל ווי עס זעט אויס וועט נישט זיין גענוג צימערן צו אקאמאדירן אלע וואס ווילן זיך באטייליגן, און בפרט אז מען וויל צושטעלן גענוג גרויסע געלעגנהייט פאר אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש זאלן קענען ארויסנעמען א צימער, בעפאר מען עפנט אויף פאר'ן ברייטן ציבור וואס וויל אויך האבן די זכיה מיטצוהאלטן אזא שיינעם און געהויבענעם שבת אינאיינעם מיטן ראש ישיבה.

ביז שבת חנוכה איז דא אן "עירלי ביורד ספעשל" פון $985 פאר א פארפאלק. צו באשטעלן רופט מו"ה שמעון פיש הי"ו 917-232-9070.

צוליב דעם גרויסן פארלאנג פון אנשי שלומינו תושבי ארץ הקודש, וואס ווילן נישט פארפאסן אזא שיינעם "שבת התוועדות" מיט'ן סיום, האט די באקאנטע רייזע אגענטור "פלען איט רייט" ערלעדיגט בס"ד גאר א גוטע פליגער פון ארץ ישראל קיין ניו יארק פאר גאר א גוטע פרייז. פאר מער פרטים קען מען רופן מו"ה אלי קנאלל אויף 718-506-4341.

**הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד!**

>>>>>>

נָאךְ מִנְחָה אִיז דֶער עוֹלָם אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען, רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט גֵיין צוּ זַיין אַכְסַנְיָא, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "מִסְתָּמָא וֶועסְטוּ נָאךְ קוּמֶען צוּ מִיר אֵיידֶער דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִם יִרְצֶה ה', בִּיז אַ שָׁעָה צְוֵויי וֶועל אִיךְ צוּרִיק קוּמֶען", אוּן עֶר אִיז טַאקֶע צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי"ן נָאךְ מַעֲרִיב, דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעזֶעסְן אוֹיף זַיין בֶּעט, גְרֵייט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אִיבֶּער דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע חֲזַ"ל אִיבֶּער דִי דְרֵיי מִצְווֹת וָואס דִי אִידְן זֶענֶען בַּאפוֹילְן גֶעוָוארְן בַּיים אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט אַז דִי אַלֶע דְרֵיי מִצְווֹת זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן תְּשׁוּבָה. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי"ן וִוי אַזוֹי דִי מִצְווֹת הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט תְּשׁוּבָה, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "דָאס זָאג דוּ שׁוֹין!", אוּן עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּינְ'ס הוֹיז.

עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג גֵייעֶנְדִיג פוּן רֶבִּינְ'ס הוֹיז בִּיז צוּ זַיין אַכְסַנְיָא, אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען שֵׁיינֶע חִידוּשִׁים אִיבֶּער דֶעם, אוּן אָנְקוּמֶענְדִיג צוּ דִי אַכְסַנְיָא הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן פַּאפִּיר מִיט טִינְט אוּן אַ פֶּעדֶער, אוּן עֶר הָאט דָאס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים אַיינְגֶעפֶּעדֶעמְט עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן מְחַדֵּשׁ זַיין אִין זַיין תּוֹרָה.

**תסו**

דָאנֶערְשְׁטָאג, ט"ז אָדָר, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי"ן, אוּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט דִי פַּאפִּיר מִיט דִי חִידוּשִׁים וָואס עֶר הָאט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען, עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַאר'ן רֶבִּי"ן, עֶר הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן אִים גֶעזָאגְט, "דוּ וֶועסְט קֶענֶען לֶערְנֶען, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט בַּאגֶערְן". דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז דֶערְוַויל זָאל עֶר נִישְׁט מְחַדֵּשׁ זַיין קַיין חִידוּשִׁים, נָאר עֶר זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ הֲלָכָה.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# זייט מתפלל!

## פאר ר' יצחק בן פייגלא

## פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# "הדלקת נר חנוכה היכל הקודש" ווערט פריש איבערגעדרוקט דורכ'ן "קרן הדפסה"

מיט גרויס פרייד ווערט אויפגענומען די גוטע נייעס ביי אנשי שלומינו בכלל און ביי די מפיצים בפרט, אז דער "קרן הדפסה היכל הקודש" גייט אט אט צום דרוק מיט'ן נייעם איבערגעארבעטן "סדר הדלקת נר חנוכה".

דער "סדר הדלקת נר חנוכה היכל הקודש", וואס ווערט יאר יערליך צוכאפט ביי אנשי שלומינו, אנטהאלט די סדר הדלקת נר חנוכה, מיט שיינע שטיקלעך פון מוהרא"ש זי"ע צוזאם גענומען פון די פילע ספרים, שיינע געדאנקען און חיזוק ווערטער וואס וועקט אויף א איד אויסצונוצן די גרויסע צייט ביים צינדן די הייליגע חנוכה ליכט, און איבער די גרויסע עת רצון וואס מ'קען דעמאלטס פועלן גאר גרויסע זאכן.

אויך אנטהאלט עס פילע גאר ווארימע תפילות אויף פארשידענע ענינים ווי אויף גוטע קינדער, אויף שידוכים, פרנסה, וואס מוהרא"ש האט געשריבן אויף חנוכה. ווי באקאנט פון ספרים הקדושים איז דא א גרויסע עת רצון זיצנדיג ביי די חנוכה ליכט, זיך אויסצובעטן ביים אייבערשטן אלעס וואס מען דארף, די תפילות עפענען אויף דאס הארץ צום אייבערשטן, און פועל'ן גאר גרויסע ישועות.

נאך אסאך ארבעט פון עטליכע חדשים, האלט מען שוין אט דא אז מען גרייט זיך שוין צו גיין צום דרוק. מען האט אלעס פריש איבערגעארבעט, דער דעזיין, די אויסשטעל, די אותיות, און מיט א גוטע הגה. אויפ'ן שטייגער ווי מען האט איבערגעמאכט די "הגדה של פסח", און דער "תיקון ליל שבועות".

פארשטייט זיך אז דאס ציעט אריין אין גרויסע הוצאות. מען קען נעמען א חלק אין דעם גרויסן איינמאליגן זכות. פאר בלויז $500 קענט איר האבן א זכות אינעם ספר.

צו מנדב זיין רופט דעם "קרן הדפסה" אויף **718-387-2691** עקסטענשאן **103**, אדער שיקט א אימעיל צו donate@kerenhadfusa.org.

אין אנדערע נייעס אין הדפסה, קומט אריין פרייליכע באריכטן פון ארץ ישראל איבער אן היסטארישער דורכברוך, דער באקאנטער הייליגער ספר "קדושת ישראל" פון מוהרא"ש ווערט יעצט פריש איבערגעדרוקט.

געלויבט דעם אייבערשטן, נאך אסאך יארן וואס מען האט אלץ איבערגעדרוקט קאפיעס פונעם ערשטן אלטן דרוק פונעם ספר "קדושת ישראל", האט מען יעצט פולקאם איבערגעמאכט דעם ספר פון אנהויב. מען האט פריש געטייפט די הייליגע ווערטער, הערליך אויסגעשטעלט מיט שיינע קלארע אותיות, פריש מנקד געווען, דורכגעגאנגען א גוטע הגה, אזוי אויך האט מען גוט איבערגעקוקט אלע מראי מקומות, זיכער צו מאכן אז עס איז גוט צוגעצייכענט, וואס דאס אליינס איז געווען אן ארבעט פון עטליכע חדשים.

אלע וואס האבן געלערענט דעם הייליגן ספר זענען עדות, אז דער ספר איז ממש אן אויסנאם. כאטש אלע ספרים פון מוהרא"ש זענען זייער שטארק, איז אבער דער ספר ממש א חידוש, עס שלעפט דעם מענטש צוריק צום אייבערשטן, עס נעמט ארויס דעם מענטש פון אלע זיינע שלעכטע געוואוינהייטן, און פירט אים ארויף אויפ'ן ריכטיגן וועג.

**פאר טויזנט שקל (בערך $315) קען מען ווערן שותף מיטן דרוקן דעם הייליגן ספר (מען וועט קענען ארייולייגן א נאמען און לע"נ ביים סוף ספר), פאר צען טויזנט שקל (בערך $3,150) קען מען אפקויפן דעם נאמען פונעם מהדורה. צו מנדב זיין קען מען רופן קיין ארץ ישראל אויף 011-52-7644-664.**

**על ידי הפצת ספרי רבינו, נביא את משיח צדקינו!**

***

# צענדליגע צימערן שוין ארויסגענומען ביים שבת התוועדות אין קראון פלאזא האטעל

ווי געמאלדן די פארגאנגענע וואך, גרייט מען זיך צו א גרויסע שבת התוועדות מיט אלע אנשי שלומינו אינאיינעם, וואס וועט אפגעראכטן ווערן ברוב פאר והדר צוזאמען מיט'ן פרייליכן סיום סדר מועד, און וועט פארקומען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף שבת קודש פרשת פקודי הבעל"ט אינעם הערליכן קראון פלאזא סטעמפארד האטעל.

די שמחה איז גאר גרויס ביי אנשי שלומינו ווען מען איז ברוך ה' ארויפגעשפרינגען אויפ'ן שנעל פארענדן באן, און מען לערנט יעדן טאג נאך א בלאט גמרא, און עס גלייבט זיך קוים אז מען האט שוין ברוך השם דורכגעלערנט אין די בערך צוויי יאר זייט די פאריגע סיום הש"ס, די מסכתות ברכות, שבת, עירובין, פסחים, שקלים, יומא, סוכה, ביצה. מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען אין די קומענדיגע וואכן ביז'ן שבת התוועדות ענדיגן די איבעריגע מסכתות הש"ס פון סדר מועד: וואס איז באלד א דריטל פון גאנץ ש"ס.

עס ווערט ערווארטעט א הערליכע שבת, מען וועט פארברענגען בשבת אחים, דאווענען אינאיינעם, עסן די

<<<<<<


## עצתו אמונה אויף פאָסט



סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן

**718-387-2691 #3**

**subscribe@kerenhadfusa.org**

## אלע חסידות'ער

**אין סיי וועלכע חסידות דו געפונסט זיך נאר, קענסטו אויך נעמען דעם רבינ'ס עצות; ס'איז נישט קיין סתירה מיט דיין חסידות**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 1, 23**


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **הערש שניטצלער** שליט"א

מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **אליעזר שטרויס** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **משולם פינטער** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב


**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

< BreslevCenter.com >